# אַ גרוזיניש ליד

אין דער וואַרעמער ערד וועל איך ווײַנטרויבן־קערנער באַגראָבן
און אַ קוש טאָן דעם רוט, וואָס דאָס הענגל אויף אים רײַף שוין ווערט.
איך וועל רופֿן חבֿרים און אָנשטימען ס'האַרץ אויף ליב האָבן,
און אַניט, צוליב וואָס לעב איך דאָ אויף דער אייביקער ערד.

קומט צו מיר, מײַנע געסט, בײַ מײַן מאָלצײַט־טיש זיצן אין אײנעם.
זאָגט מיר אָפֿן, ווי שם איך בײַ אײַך. זאָגט מיר, וואָס בין איך ווערט.
ס'וועט ריבונו־של־עולם מכפּר זײַן זינד מײַנע קלײנע,
און אַניט, צוליב וואָס לעב איך דאָ אויף דער אייביקער ערד.

טונקל רויט אָנגעטאָן וועט פֿאַר מיר זינגען לידער מײַן דאַלי.
און שוואַרץ־ווײַס אָנגעטאָן און געפּלעפּט, גלײַך ווי קיין מאָל געהערט,
וועל איך הערן און אויסגיין בפּירוש פֿון ליבע און זשאַליע.
און אַניט, צוליב וואָס לעב איך דאָ אויף דער אייביקער ערד.

און ווען ס'וועט שוין זיך קרײַזלען די שקיעה אין ווינקלעך פֿון לאָנקע,
זאָל זיך יאָווען אַ בופֿלאָקס, ווײַס, אין גן־עדן גענערט,
און אַן אָדלער אַ בלויער מיט אים און אַ גאָלדענע סטראָנגע.
און אַניט, צוליב וואָס לעב איך דאָ אויף דער אייביקער ערד.